## LESSON 7

## זיבעטע לעקציע

# משפּחה אין אַנדערע לענדער

יוסף קומט צו גאַסט צו משהן.

יוסף: גוט־מאָרגן, משה.

משה: גוט־מאָרגן, גוט־יאָר.

יוסף: וואָס טוסטו?

משה: איך שרײַב אַ בריוו צו מײַן פֿעטער.

יוסף: ווּ וווינט דײַן פֿעטער?

משה: אין ישׂראל. איך האָב אַ צווייטן פֿעטער. ער וווינט אין פּאַריז. איר האָט אויך משפּחה אין אַנדערע לענדער?

יוסף: יאָ, איך האָב אַ פֿעטער אין רוסלאַנד און אַ מומע אין איטאַליע. די מומע קומט פֿון פּוילן. מיר שרײַבן דער מומע בריוו. אָפֿט שיקן מיר איר געלט אויך. מיר דאַרפֿן איר העלפֿן.

משה: מײַן פֿעטער אין ישׂראל וווינט מיט זײַן פֿרוי און זון אין אַ קיבוץ לעבן תּל־אָבֿיבֿ. אין דעם קיבוץ וואַקסן מאַראַנצן. דער פֿעטער שרײַבט, אַז תּל־אָבֿיבֿ איז זייער אַ שיינע שטאָט, אָבער ער וויל ניט וווינען אין שטאָט. ער וויל אַרבעטן אויף דער ערד. זײַן אַרבעט איז פֿירן אַ טראַקטאָר. דער פֿעטער וויל, מיר זאָלן קומען צו אים צו גאַסט.

יוסף: וואָס טוט דײַן שוועסטערקינד אין ישׂראל?

משה: מײַן שוועסטערקינד גייט אין שול. ער קען גוט העברעיִש און ייִדיש. ער וויל ווערן אַן אַרכיטעקט און קענען בויען הײַזער. ער שרײַבט, אַז אין ישׂראל דאַרף מען איצט אַ סך בויען.

יוסף: ייִדן אין אַמעריקע דאַרפֿן געבן געלט די ייִדישע אָרגאַניזאַציעס וואָס שיקן הילף פֿאַר ייִדן אין אייראָפּע און ישׂראל.

קינדער אין די שולן און סטודענטן אין די אוניווערסיטעטן פֿאַרשטייען דאָס און גיבן אויך געלט.

משה: ווייסט וואָס, יוסף? פֿאַר צען דאָלאַר קען אַ ייִדיש קינד אין פֿראַנקרײַך לעבן צען טעג. לאָמיר צוזאַמען שיקן צען דאָלאַר.

יוסף: זייער גוט, משה. לאָמיר דאָס הײַנט טאָן. נו, איך גיי. אַ גוטן טאָג.

משה: אַ גוט יאָר, יוסף.

## VOCABULARY

• דער אויטאָ (ס) car
דער אוניווערסיטע׳ט (ן) university
איטאַליע Italy
• אייראָפּע Europe
איר her (*also* you, *cf.* p. 53)
• אָפֿט often
די אַרבעט work
די אָרגאַניזאַציע (ס) organization
דער אַרכיטע׳קט architect
• בויען to build
גאַסט: • קומען צו גאַסט צו to visit
• גוט good; well; O.K.
• גוט־מאָרגן! hello! good morning! (*Answer*: גוט־יאָר!)
• אַ גוטן טאָג! good-bye! (*Answer*: אַ גוט יאָר!)
• געבן to give
• דאָלאַר dollar (s)
• דאָס this, that
• דאַרפֿן (ער דאַרף) to have to, to need; ought
דײַטשלאַנד Germany
דײַן your
די הילף aid
• העברעיִש Hebrew
• העלפֿן to help
• וואַקסן to grow (*intr*)
וועמען (*acc.-dat. of* ווער) whom
• ווערן to become
• זאָלן (ער זאָל) should
זײַן his
זיי׳ערע their
דער טראַקטאָר tractor
יאָר ← גוט
• ישׂראל the state of Israel [YISROEL] (*as opposed to* ארץ־ישׂראל, *Palestine*)
• לאָמיר let us
דער מאַראַ׳נץ (ן) orange
מאָרגן ← גוט
• די מומע (ס) aunt
מײַן my
• די משפּחה (ות) [MISHPOKHE—S] family, relatives
• נו well
דער סטודע׳נט university or college student
די ערד land
פּאַרי׳ז Paris
פּוילן Poland
• פֿאַר for
• פֿאַרשטיי׳ן to understand
• פֿון from (*also* of)
• פֿירן to drive
• דער פֿעטער (ס) uncle



אין אַ קיבוץ אין ישראל

| | |
|---|---|
| France פֿראַנקרײַך | Russia רוסלאַנד |
| ten צען | cousin (ער) דאָס שוועסטערקי׳נד * |
| cooperative [KIBU'TS] דער קיבוץ settlement | Tel Aviv [TELAVI'V] תּל־אָבֿיבֿ |

## QUESTIONS

1. צו ווען קומט יוסף צו גאַסט? 2. וואָס טוט משה? 3. וויפֿל פֿעטערס האָט משה? 4. ווו וווינען זיי? 5. ווען האָט יוסף אין רוסלאַנד? 6. ווי העלפֿט יוספֿס משפּחה דער מומע אין איטאַליע? 7. ווו וווינט דער פֿעטער אין ישׂראל? 8. פֿאַר וואָס וווינט ער ניט אין תּל־אָבֿיבֿ? 9. וואָס וויל משהס שוועסטערקינד ווערן? 10. ווו וואַקסן מאַראַנצן אין אַמע־ריקע? 11. וואָס קענען ייִדן אין אַמעריקע טאָן פֿאַר ייִדן אין ישׂראל און אין אייראָפּע? 12. וואָס טוען משה און יוסף צו העלפֿן אַ ייִדיש קינד אין פֿראַנקרײַך?

## GRAMMAR

### 1. Indirect Object

| | |
|---|---|
| We help the (=our) uncle | מיר העלפֿן **דעם פֿעטער** |
| He gives it to the (=his) father | ער גיט עס **דעם טאַטן** |
| Do you send the (=your) aunt money? | איר שיקט געלט **דער מומע**? |

A noun (with the preceding article and adjectives), when used as the indirect object of a verb, is in the *dative* case.

In a sentence containing both a direct and indirect object, one of which is a pronoun, the pronoun precedes the noun. If both objects are pronouns, the direct object precedes the indirect:

ער גיט אים דאָס בוך
ער גיט עס דעם טאַטן
ער גיט עס אים

(Other personal pronouns are treated on p. 92.)

In translating from English, care must be taken to avoid any preposition with the indirect object after גענבן *to give* [*to*].

### 2. Conjugation of גענבן

The conjugation of גענבן is irregular:

| | |
|---|---|
| איך גיב | מיר גיבן |
| דו גיסט | איר גיט |
| ער גיט | זיי גיבן |
| גיב — גיט | Imperative: |

### 3. Infinitive

The infinitive of a verb consists of the base with the added ending ן— (or ען— if the base ends in ם—, ן—, נג—, נק—, syllabic ל—, or a stressed vowel or diphthong). Thus the infinitive as a rule is identical in form with the first and third person plural of the present tense.

Base: שיק—
Infinitive: שיקן *to send* (like מיר שיקן)
Base: קום—
Infinitive: קומען *to come* (like מיר קומען)
Base: קענ—
Infinitive: קענען *to be able* (like מיר קענען)
Base: זינג—
Infinitive: זינגען *to sing* (like מיר זינגען)
Base: בוי—
Infinitive: בויען *to build* (like מיר בויען)
Base: שמייכל—
Infinitive: שמייכלען *to smile* (like מיר שמייכלען)

Beginning with this lesson, verbs will be listed in the vocabulary in the infinitive form.

### 4. Irregular Infinitives

Several frequently used verbs have irregular infinitives. The most important ones are:

| | 1ST & 3RD PERSON PLURAL | INFINITIVE |
|---|---|---|
| *To give* | מיר, זיי גיבן | געבן |
| *To go* | מיר, זיי גייען | גיין |
| *To do* | מיר, זיי טוען | טאָן |
| *To see* | מיר, זיי זעען | זען |
| *To want* | מיר, זיי ווילן | וועלן |
| *To know* | מיר, זיי ווייסן | וויסן |
| *To be* | מיר, זיי זײַנען | זײַן |

### 5. Infinitives of איז דאָ and איז ניטאָ

| | |
|---|---|
| אין שול זײַנען **דאָ** קינדער | There are children in school |
| אין שול דאַרפֿן זײַן קינדער | There should be children in school |
| אין שול זײַנען **ניטאָ** קיין קינדער | There are no children in school |
| אין שול קענען **ניט זײַן** קיין קינדער | There can be no children in school |

In the infinitive, the word **דאָ** of the phrase **איז דאָ** is omitted, while **ניט** is substituted for **ניטאָ**.

**6. Use of צו with the Infinitive**

| | |
|---|---|
| איך **דאַרף גיין** אַהיים | I *have to go* home |
| איצט **קען** איך **שרײַבן** אַ בריוו | I *am able to write* a letter now |
| מיר **העלפֿן בויען** אַ שול | We *are helping to build* a school |
| ער **לערנט זיך פֿירן** אַן אויטאָ | He is *learning to drive* a car |

After the verbs **קענען, דאַרפֿן, וועלן, העלפֿן,** and **לערנען זיך**, the infinitive follows immediately. In translating from English, no equivalent of "to" is used. In some other cases "to" in an English infinitive is translated by **צו**.

**7. Constructions after וועלן**

| | |
|---|---|
| איך **וויל גיין** אין פּאַרק | I *want to go* to the park |
| איך **וויל** איצט ניט **עסן** | I don't *want to eat* now |
| ער **וויל** הײַנט **קומען** אין שול | He *wants to come* to school today |

Whenever a sentence describes a person wanting to do something *himself*, the infinitive is used after the proper form of **וועלן** *to want*, just as in English.

But:

| | |
|---|---|
| **איך** וויל, **דו זאָלסט** גיין | *I* want *you* to go |
| **איך** וויל ניט, **דאָס קינד זאָל** איצט עסן | *I* don't want *the child* to eat now |
| **ער** וויל, **מיר זאָלן** הײַנט קומען אין שול | *He* wants *us* to come to school today |

Whenever a sentence describes a person wanting *someone else* to do something, the appropriate form of **וועלן** is followed by a clause containing a subject (nominative), the proper form of the auxiliary verb **זאָלן**, and then the infinitive.

**8. Greetings**

| | |
|---|---|
| גוט־מאָרגן, שלמה. גוט־יאָר, משה | Good morning, Shloyme. Good morning, Moyshe |
| אַ גוטן טאָג, שלמה. אַ גוט יאָר, משה | Good-bye, Shloyme. Good-bye, Moyshe |
| גוטן־אָוונט, חיים. גוט־יאָר, יוסף | Good evening, Khaim. Good evening, Yoysef |
| אַ גוטע נאַכט, חיים. אַ גוט יאָר, יוסף | Good night, Khaim. Good night, Yoysef |

The usual Yiddish greetings, exchanged upon meeting and parting, can be summarized as follows:

| | MORNING & DAY | EVENING & NIGHT |
|---|---|---|
| MEETING | גוט־מאָרגן — גוט־יאָר | גוטן־אָוונט — גוט־יאָר |
| PARTING | אַ גוטן טאָג — אַ גוט יאָר | אַ גוטע נאַכט — אַ גוט יאָר |

Another greeting is given on p. 98.

## EXERCISES

A. Replace the dashes by the appropriate accusative and dative endings:

1. משה שיקט ד— פֿעטער אַ סך געלט. 2. דער מענטש פֿאַרקויפֿט ד—
טאַטע— אַ ייִדיש— צײַטונג. 3. שיק ד— בריוו ד— מומע. 4. פֿאַר וואָס
שרײַבסטו ניט קיין בריוו ד— שוועסטער? 5. זאָג ד— לערער, וואָס
דו ווילסט טאָן. 6. ער גיט ד— קליינ— קינד ד— פֿעדער. 7. לאָמיר
זאָגן ד— מאַמע, וווּ מיר זײַנען. 8. מיר ווילן געבן ד— שוועסטערקינד,
וואָס ער דאַרף. 9. מיר העלפֿן ד— משפּחה מיט געלט. 10. גיט ד—
אויטאָ ד— פֿעטער, ער קען גוט פֿירן. 11. דער טאַטע וויל העלפֿן חיימ—
ווערן אַ דאָקטאָר. 12. אָפֿט שיק איך ד— מומע צײַטונגען און ביכער.

B. Make up three sentences with each of the following verbs. Include an indirect object in every sentence.

1. געבן 2. זאָגן 3. שיקן

C. 1. Translate the following conversation, assuming that it takes place in the morning:

"Hello, Esther."
"Hello, Khaim. Where are you going?"
"I am going home. I ought to be there already. And you?"
"I am going to see (=visit) my (מײַן) aunt. She lives in this house."
"Well, I have to go. Good-bye."
"Good-bye, Khaim."

2. Translate the same conversation, assuming that it takes place in the evening.

D. Make up five sentences, each containing an infinitive after the following phrases:

1. זי וויל 2. איך לערן זיך 3. איר קענט ניט 4. זיי דאַרפֿן ניט
5. מיר העלפֿן.

E. Translate into Yiddish:

1. Let us see what Khaim is doing today. 2. He is helping his (=the) father work. 3. They want to see why the car doesn't work. 4. Khaim wants the family to see the new car. 5. His brothers and sisters also want to drive the car. 6. They understand these things. 7. My (מײַן) cousin Yoysef lives in Israel. 8. He wants to be a teacher. 9. He speaks Hebrew at home. 10. He writes his (=the) mother that he is studying Yiddish also. 11. I very often write to my (=the) cousin in Europe. 12. Please give the child a dollar. 13. Today there cannot be any newspapers because it is a holiday. 14. Can you (איר) visit [us] today? 15. Well, O.K. 16. I want Esther to come too. 17. Do you want to help the children? They are building a small house in the park. 18. O.K., let us help them. 19. I have to go to the doctor again. 20. The children have to be at home already. 21. One cannot walk on that street. 22. He wants to know what you are doing. 23. O.K., I can tell him (אים). 24. One cannot know what to do. 25. Yoysef wants me to help him now. 26. I want you to give me (מיר) enough money.

## GEOGRAPHIC SPREAD OF YIDDISH

The beginning of this millennium, which witnessed the birth of many European languages of today, was also the time when Jews from France and Italy who spoke Jewish languages of Romance stock moved to the area of the Rhine River (in what is now Germany), and there started to speak the tongue which subsequently became the Yiddish language. The eastward migrations of the Jews from the Rhineland, begun under the impact of the Crusades, then brought Yiddish to central Europe, especially to what is now Austria and Czechoslovakia. With the people who spoke it, the language also spread through Poland and as far east as the basins of the rivers Dvina, Dnieper, and Dniester. This whole section of the Jewish people is called Ashkenazic, from the medieval Hebrew name for Germany, אשכּנז [A'shKENAZ]. The Sephardic Jews (who got their name from ספֿרד [SFARD], the medieval Hebrew name for Spain), form another, much less numerous section of the Jewish people.

During the nineteenth century, the number of Jews in central and eastern Europe increased greatly, and consequently the number of Yiddish speakers increased. Beginning with the great migration of the last quarter of the 19th century, Yiddish was carried to overseas countries as well, and in the first place to the American continent. Meanwhile, the western Yiddish dialects declined, so that at present remnants of Yiddish are still spoken only in Alsace and Switzerland. The Yiddish which is today used in France, England, Belgium, and so on, is the language of the Jews who came there from eastern Europe.

It has been a matter of great difficulty to estimate the number of Yiddish speakers the world over, since many countries do not inquire into mother tongues in their censuses. In 1935, the following estimated figures were arrived at after careful research:

| | |
|---|---|
| Eastern and Central Europe | 6,767,000 |
| North America | 2,987,000 |
| Western Europe | 317,000 |
| Palestine | 285,000 |
| South and Central America | 255,000 |
| Africa | 56,000 |
| Asia (exclusive of Palestine) | 14,000 |
| Australia | 9,000 |
| Total | 10,690,000 |

After World War II, the number is no longer the same. Of the six million Jews who perished in Europe at the hands of the Germans, a majority were Yiddish speakers.